


פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט


A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

פרשת ויצא, י' כסלו תשס"ז
גליון 3, מספר 3


# פרשת ויצא




## ילוה אישי אלי

דער נאמען "לוי" איז געגעבן געווארן צוליב די רייד פון לאה "ילוה אישי אלי" (מיין מאן וועט זיך באהעפטן מיט מיר).
אין דעם איז אויך אנגעדייט דער פארבונד פון אידן מיטן אויבערשטן: דער אויבערשטער ווערט אנגערופען "אישי" - מיין מאן, דער פירער און בעל הבית פון אידישן פאלק (ענלעך צו דעם מאן וואס פירט אן מיט זיין הויז): און "ילוה אישי אלי" ווייזט אויף דעם פארבונד און באהעפטונג צווישן אידן מיטן אויבערשטן, דורך דעם וואס א איד פירט זיך ווי א איד דארף, לויט דעם אנזאג פון אויבערשטן.
און דער פארבונד איז אין אן אופן פון "ילוה" - א שטארקער און אייביקער פארבונד, דורך דעם וואס זיין אויפפירונג לויטן אנזאג פון אויבערשטן איז ביי אים איינגעקריצט אין אן אופן פון "חזקה," וואס ענדערט זיך ניט.
לוי איז אויך דער נאמען פון אט דעם שבט, וואס זיין אויפגאבע (פון דעם גאנצן שבט אן אויסנאם) איז געווען - ווי דער פסוק זאגט - "וילוו עליך וישרתוך" ("לוי" פון לשון "וילוו", צו באגלייטן און באהעפטן זיך). שבט לוי האט באגלייט און זיך באהאפטן צו די כהנים צו העלפן זיי אין זייער הייליקער ארבעט אין דעם משכן און מקדש.
דערפון איז די אפלערנונג פאר יעדער אידן, אריינגערעכנט

אידישע קינדער:
בשעת א אידיש קינד זעט ווי א צווייטער אידיש קינד - וואס יעדער איד ווערט אנגערופען "כהן" - לערנט תורה און איז מקיים מצוות, פאדערט זיך פון אים אז ער זאל זיך מיט יענעם "באהעפטן", טאן וואס ער קען נאר יענעם ארויסצוהעלפן אין לימוד התורה און קיום המצוות.
(פון דער רבי'ס רעדט צו קינדער - כ' מנחם אב, תשמ"ט, ח"י ניסן תנש"א)




פון די ספעציעלע אנווייזונגען וואס דער פריערדיקן רבי'ן האט געגעבן ביים רבי'ן, אלס זיין נייע עדים, זיינען געווען צו בלייבן אויף און לערנען דאנערשטאג און פרייטאג ביינאכט, און שפעטער, צו פארברענגן יעדער שבת מברכים.

טייערע קינדער שלוחים,
מיר האלטן אין מיטן די חסידיישער חודש פון כסלו – די חודש פון מתן תורה פון פנימיות התורה. דאס איז א גוטע צייט טראכטן אויף די זכות פון לערנען חסידות און וואס עס טוט אויף פאר אונז.
קינדער, דער רבי האט פיל מאל געזאגט ווי וויכטיק איז צו לערנען חסידות: ווייסט איר פארוואס? איינע פון די סיבות איז, ווייל דורך לערנען חסידות פארבינדט מען זיך מיט די רביים וואס האבן געשריבן די חסידות.
די ערשטע ווארט פון די עשרת הדברות איז "אנכי" – וואס דאס איז די ראשי תיבות צו די ווערטער – אנא נפשי כתבית יהבית – איך האב אריינגעשריבן און געגעבן מיין נפש. דער אויבערשטער זאגט אז ווען ער האט אונז געגעבן זיין הייליקע תורה, האט ער זיך אריינגעלייגט, און ווען מיר לערנען דאס, ווערן מיר פארבונדן מיט אים. דאס זעלבע זאך איז ביי די רביים. דורך דעם וואס מיר לערנען זייערע חסידות ווערן מיר פארבונדן מיט זיי.
אין די טעג פון חודש כסלו, האט דער רבי געגעבן א הוראה לערנען פון די חסידות פון אלע רביים און אזוי פארבינדן זיך מיט זיי. מיר זיינען אזוי גליקלאך אז מיר האבן אלע טייערע זאך, לאמיר דאס לערנען פאר זיך און אויסלערנען פאר אנדערע! אין די זכות פון לערנען און פארשפרייטן חסידות וועט מען זיכער שוין זוכה זיין צו משיח – נאו! –א. וועכטער

לעילוי נשמת אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה
נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

# דער חסידיש'ער לוח

ווען רבי'ן רש"ב האט גערעדט מיט זיין רביצין, רביצין שטערנא שרה וועגן א שידוך פאר זייער אייניקל , רביצין חי' מושקא, האט דער רבי רש"ב געזאגט, "מען זאל טראכטן וועגן די זון פון ר' לויק".

ביים שבע ברכות פון רבי'ן, האט דער פריערדיקער רבי געבעטן הרב יחזקל פייגין שיקן א טעלעגראם צו א פריינט אין ראסטאב, אז ער זאל דאס לייגן אויפן ציון פון רבי'ן רש"ב, אז מען האט ערפילט זיין בקשה!

י"ד כסלו תרפ"ט, האט דער רבי חתונה געהאט מיט רביצין חי' מושקא שניאורסאהן - די טאכטער פון דעם פריערדיקן רבי'ן. די חתונה איז געווען אין ווארשא ביי די ישיבת תומכי תמימים. דער רבי'ס טאטע און מאמע האבן ניט געקענט זיין ביים חתונה, האבן זיי געמאכט ביי זיך אין שטוב א גרויסע שמחה און אסאך אידן זיינען געקומען. מען האט געטאנצט און געזונגען א גאנצע נאכט.

יארן שפעטער ווען דער פריערדיקער רבי האט געזוכט באקומען א וויזא פארן רבי'ן ארויסגיין פון רוסלאנד, האט מען אים ניט געוואלט געבן א וויזה, און מען האט געזאגט, "פאר דיין טאכטער קענסטו געפונען אן אנדערע חתן,"

" אזא עדים," האט דער פריערדיקער רבי געזאגט, "קען מען ניט געפונען!" און מען האט געלאזט דעם רבי'ן ארויסגיין!

יד כסלו, 25 יאר פון זיין חתונה, האט דער רבי גערעדט אויף דער טאג און האט געזאגט, " דאס איז דער טאג וואס האט פארבונדן מיר מיט אייך און אייך מיט מיר און צוזאמען וועלן מיר זיך מאטערן ברענגען משיח!"

# משיח נאו!

**"להגיד בבקר חסדיך ואמונתיך בלילות"** צו דערציילן דיין גוטסקייטן צופרי און דיין אמונה ביינאכט. "דער מהר"ל פון פראג האט געזאגט אז דאס מיינט אז דורך דעם וואס אידן גלויבן אין דער אויבערשטער אין די שווערע צייט פון גלות, קומט די גוטסקייט פון די גאולה.

קינדער, עס איז זייער גרינג צו גלויבן אין אויבערשטן ווען אלס גייט גוט, אבער ווען אלס איז שווער, און נאך אלס באווייזן מיר אז מיר האלטן זיך שטארק אין אויבערשטן, איז דאס גענוג א סיבה אז ער זאל שיקן משיח!

# דערציילט מיר א מעשה

דער קליינער קינד האט געהאלטן זיין טאטע'ס הענט. זיין נייע העמד האט געגלאנצט צוזאמען מיט די שיין אין זיינע אויגן. ער איז געווען אויפן וועג צום רבי'ן.

דער קליינער קינד איז געווען אברהם דוב בער פון באברויסק, און ער איז געפארן מיט זיין טאטע א נסיעה פון פינף טעג פון הומיל צו ליובאוויטש - צום מיטעלען רבי'ן. אויפן וועג זיינען צוגעקומען נאך חסידים. די גרופע וואס זיינען ארויסגעפארן צוזאמען אין פיר וואגן, זיינען אנגעקומען אין ליובאוויטש מיט פערציק וואגן!

סוף סוף זיינען זיי אנגעקומען. די שמחה האט מען געקענט אנטאפן מיטן הענט. קליינע אברהם בער האט ארום געקוקט מיט גרויסע אויגן. ער האט געזען די שמחה פון חסידים, אבער ער האט קיינמאל ניט געזען אזא שמחה!

ניט א לאנגע צייט שפעטער, האט ער געהאט די גרויסע זכות אריינגיין מיט זיין טאטע אויף יחידות. צום סוף פון די יחידות האט זיין טאטע געבעטן א ברכה ביים רבי'ן פאר זיין קינד אז ער זאל וואקסן א חסיד און א למדן, דער רבי האט אים געבענטשט און ער האט געפילט די ווארעמקייט פון רבי'נס ברכה.

נאכדעם וואס זיי זיינען ארויסגעגאנגען פון גן עדן העליון - דעם רבי'נס יחידות צימער, האבן די חסידים זיי גענומען אויפן פלייצעס און נאכאמאל געטאנצט מיט זיי.

אברהם בער האט זיך געדרייט צו זיין טאטע און געפרעגט, "טאטע אויף וואס איז די גרויסע שמחה?" "האסטו געלערנט וועגן דעם בית המקדש?" האט זיין טאטע געפרעגט. "יא" האט ער גלייך געענטפערט, ער האט טאקע געלערנט וועגן בית המקדש, און ער איז געווען צופרידן דערציילן זיין טאטע אלס וואס ער האט געוואוסט, וועגן די קרבנות, די כהן גדול. פלוצלונג האט ער זיך אנגעהויבן וואונדערן.

"טאטע," האט ער געפרעגט, "איך האב טאקע געלערנט וועגן בית המקדש, אבער וואס האט דאס צו טאן מיט זייערע טאנצן? פארקערט, מיר האבן שוין ניט קיין בית המקדש, יעצט זאל מען וויינען, ניט טאנצן."

"דו ביסט גערעכט," מיין טייערע זון, "יעדן טאג בעטן מיר ביים אויבערשטן אז ער זאל שוין שיקן משיח'ן, און מען זאל האבן צוריק דעם בית המקדש, אבער ביז יעמאלט איז:

*ליובאוויטש אונזער ירושלים,*
*דעם רבי'נס שול איז אונזער בית המקדש,*
*דעם רבי'נס יחידות צימער איז אונזער קדש קדשים, און דער רבי איז אונזער ארון אין וועמן זיינען די לוחות פון ה'!*

און מיט דעם האבן זיי נאכאמאל אנגעהויבן טאנצן!